# איש חסד היה

**א זאמלונג פון געוואלדיגע מעשי חסד**
**פונעם בארימטן נגיד**
**מוהר״ר שמואל יהודה דסקל ז״ל**

פאר הערות, תגובות און צוצולייגן עובדות און מעשיות:
אימעיל: y.b.daskal@gmail.com

## פרק ו

## אונטערן שלייער פון א הלוואה

### פון וואו וועלן זיי האבן צוריקצוגעבן אין דאלאר?!

דער רמב״ם שרייבט (מתנות עניים פ״ז הלכה ל״ט): ״עני שאינו רוצה ליקח צדקה, מערימין עליו ונותנין לו לשם הלוואה״.

דער דאזיגער דערהויבענער וועג פון חסד איז געווען איינע פון די שיינע נקודות אין ר׳ שמואל׳ס דרך.

דער געדאנק פון אויפשטעלן א גמ״ח האט אים זייער דערפרייט. אזוי וועט ער קענען טון חסד מיט נצרכים אויף א וועג וואס וועט פארהוילן דעם אמתי׳ן ציל פון דער נתינה. אנשטאט צו געבן געלט גלייך אלס צדקה, קען מען עס געבן אלס הלוואה. אויב זיי וועלן האבן פון וואו צוריקצוגעבן, וועלן זיי צוריקגעבן, און אויב נישט, וועלן זיי נישט צוריקגעבן.

אינעם גמ״ח וואס האט זיך געפירט ביי אים אין שטוב, האט ער געבארגט גרויסע סכומים אפילו פאר מענטשן וואס ער האט בכלל נישט געקענט. ער האט קיינמאל נישט פארלאנגט קיין ערבים אדער משכון. זיין שארפע טביעת עין איז אים געווען גענוג צו דערקענען צי דער מבקש איז איינער וואס וויל אים אויסנוצן, אדער אן אמתי׳ער נצרך. אויב האט ער געזען אז פאר אים שטייט אן אמתי׳ער נצרך, האט ער זיך פארלאזט אויף אים און נישט געדארפט קיין ערבים. ווייל דער אמתי׳ער ציל איז דאך געווען, צו געבן!

אין יענע יארן איז דער דאלאר געווען אסאך שטארקער ווי דער שקל, וואס זיין ווערט איז כסדר געפאלן. דער גמ״ח האט זיך געפירט מיט שקלים, כדי אז דער לווה זאל פארדינען פונעם פאל פונעם שקל.

אין דער צייט ווען עס איז געווען א גרויסע אינפלאציע אין ארץ ישראל און דער שקל איז געפאלן פון טאג צו טאג, האט מען אים געזאגט אז עס וואלט געווען בעסער צו בארגן אין דאלארן און נישט אין שקלים.

ר׳ שמואל האט זיך געוואונדערט:

״פון וואו זאלן מיינע לווים האבן געלט צו קויפן דאלאר?!״

### א הלוואה וואס מען דארף נישט צוריקצאלן

הרב בעריש לבין, מנכ״ל מוסדות ויז׳ניץ אין די יארן תשל״ז–תש״נ, האט דערציילט:

איך בין אמאל געווען דערביי ווען א איד איז געקומען צו ר׳ שמואל בעטן א הלוואה. ער האט געבעטן א געוואלדיגן סכום, צוואנציג טויזנט לירות. איך האב קלאר געוואוסט אז דער איד וועט די הלוואה נישט קענען צוריקצאלן.

# פרק ו - אונטערן שלייער פון א הלוואה

ווען איך האב געזען אז ר׳ שמואל גרייט זיך אים צו געבן דעם גאנצן סכום, האב איך אים שטילערהייט געזאגט: ״עס זעט מיר נישט אויס אז דער איד וועט צוריקצאלן די הלוואה״.

״עס מאכט מיר נישט אויס צי ער וועט צוריקצאלן אדער נישט״, האט ר׳ שמואל מיר צוריקגעענטפערט שטילערהייט.

דעם אמת האט ר׳ שמואל גוט געוואוסט. ער האט געוואוסט אז דער איד וועט נישט צוריקצאלן. אבער זיין כוונה איז דאך פון אנהייב געווען צו געבן. דער גמ״ח איז נאר געווען א שיינער און בכבוד׳דיגער וועג ווי אזוי צו געבן...

**הונדערטער טויזנטער לירות, אן קיין כוונה זיי צוריקצובאקומען**

הרה״ח ר׳ יונה פוקס האט דערציילט:

אן עלטערער בחור, וואס האט געוואוינט אין שכונת נוה אחיעזר, האט געבעטן פון ר׳ שמואל א הלוואה פון עטליכע הונדערט לירות פאר א פליגער־בילעט. ר׳ שמואל האט אים עס געגעבן מיטן גאנצן הארץ, און האט אים נאך צוגעגעבן געלט פאר הוצאות אויפן וועג!

נאך א שטיק צייט האט מיין טאטע, וואס איז געווען אריינגעמישט אין דער זאך, געפרעגט ר׳ שמואל:

״ווען וועט דער בחור דיר צוריקצאלן דעם חוב?״

ר׳ שמואל איז בכלל נישט געווארן באזארגט.

״מען איז מיר שוין שולדיג הונדערטער טויזנטער לירות, וואס איך האב פון אנהייב נישט געראכטן צוריקצובאקומען״, האט ער געזאגט.

ר׳ יונה לייגט צו, אז אין יענע צייט האט א דירה אין בני ברק געקאסט בלויז פיר און צוואנציג טויזנט לירות!

**וואס האט ער געטון ווען א לווה האט נישט באצאלט?**

וואס האט ר׳ שמואל געטון ווען א לווה האט נישט צוריקגעצאלט זיין חוב? האט ער אים געדרוקט? איז ער אים נאכגעלאפן?

ניין!

ער האט זיך געפרייט אז ער איז זוכה געווען מקיים צו זיין די מצוה פון צדקה, און נאך אויף א בכבוד׳דיגן אופן.

״ר׳ שמואל האט געהאט א גאנצע פעקל טשעקס פון בעלי חובות וואס האבן נישט געהאט קיין דעקונג, און ער האט גארנישט געטון דערמיט״, האט הרה״ח ר׳ בן ציון ווײַלער דערציילט.

אויך הר״ר יעקב ורדיקובסקי האט דערציילט:

״איין מאל בין איך געווען אין זיין ביורא, און ער האט נישט געקענט עפענען דעם שופלאד, ווייל עס איז געווען פול מיט טשעקס פונעם גמ״ח וואס זענען נישט באצאלט געווארן״.

# איש חסד היה

**צדקה אונטערן שלייער פון א הלוואה**

הגאון רבי אריה טוביאס, חבר בד"צ קרית ויז'ניץ, האט דערציילט וואס ער האט געהערט פון זיין שווער, הגאון רבי מרדכי זלמן ויזניצר, ראש כולל אנטניא:

ווען דער כולל איז געווען אין א שווערע מצב, האט הרב דב ולצר, מנהל הכולל, אלעמאל געוואוסט וואו זיך צו ווענדן: צו ר' שמואל דאסקל.

נאכדעם וואס ר' שמואל האט שוין עטליכע מאל ארויסגעהאלפן דעם כולל אין שווערע פינאנציעלע מצבים, האט הרב ולצר זיך שוין געשעמט נאכאמאל צו בעטן פון אים א נדבה פארן כולל.

איין טאג איז הרב ולצר געקומען צו מיר, נישט וויסנדיג וואס צו טון.

"וואס זאלן מיר טון? מיר האבן שוין עטליכע חדשים נישט באצאלט קיין געהאלטן! ר' שמואל האט שוין עטליכע מאל באצאלט אלעס וואס עס האט אונז געפעלט. קען מען דען אלעמאל בעטן פון איין מענטש?"

האב איך אים פארגעשלאגן, ער זאל גיין צו ר' שמואל און דאס מאל בעטן א הלוואה פארן כולל, ביז מען וועט בסייעתא דשמיא שאפן געלט פון אן אנדער ארט.

הרב ולצר איז געגאנגען צו ר' שמואל און געזאגט:

"דאס מאל בין איך געקומען בעטן א הלוואה. מיר דארפן צען טויזנט לירות".

"אויב אזוי, איז דאך אסאך גרינגער צו געבן..." האט ר' שמואל געענטפערט.

מיטן גאנצן הארץ האט ער אים געגעבן דעם סכום אלס הלוואה, און הרב ולצר האט זיך געשפירט באקוועם דערמיט.

גלייך האבן מיר אנגעהויבן זוכן נדיבים כדי צו קענען צוריקצאלן דעם חוב. נאך אסאך השתדלות האבן מיר ענדליך באוויזן צוזאמענצושטעלן דעם גאנצן סכום.

הרב ולצר איז געקומען צו ר' שמואל און געזאגט:

"איך האב שוין דעם גאנצן סכום צוריקצוצאלן דעם חוב".

ר' שמואל האט אים אנגעקוקט:

"חוב?! איך האב דיר קיינמאל נישט געגעבן קיין הלוואה. מיין כוונה איז געווען צו געבן צדקה!"

**איך האב דיר נישט געגעבן קיין הלוואה!**

א ויז'ניצער חסיד פון לאנדאן האט דערציילט זיין פערזענליכע מעשה פאר אונזער שוואגער, הרה"ח ר' יצחק זיידה, מנכ"ל מוסדות ויז'ניץ אין בני ברק:

איך בין געקומען פון לאנדאן קיין ארץ ישראל, און האב נישט געוואוסט וואס צו טון. איך האב מיטגעברענגט געלט פאר די צייט וואס איך וועל זיין אין ארץ ישראל, אבער איך האב זיך פארערכנט און נישט מיטגעברענגט גענוג.

פלוצלינג איז מיר איינגעפאלן אז איך קען בעטן א הלוואה פון דיין שווער.

# פרק ו - אונטערן שלייער פון א הלוואה

בין איך צוגעגאנגען צו ר׳ שמואל און אים געזאגט:

״אין עטליכע טעג קומט אהער א גוטער פריינד פון לאנדאן. קענט איר מיר בארגן געלט אויף עטליכע טעג? דאס וועט מיר זייער ארויסהעלפן״.

ר׳ שמואל האט ארויסגענומען צוויי טויזנט דאלאר און מיר עס געגעבן.

עטליכע טעג זענען פארביי, און דער פריינד איז אנגעקומען פון ענגלאנד.

איך האב אנגערופן ר׳ שמואל און אים געזאגט:

״איך האב שוין דאס געלט צוריקצוצאלן די הלוואה״.

ר׳ שמואל האט מיך איבעררעשט:

״איך האב דיר נישט געגעבן קיין הלוואה״.

איך בין געבליבן שטיין פארוואונדערט.

ר׳ שמואל האט געוואוסט אז איך בין אין א שווערע געלט־מצב. די מתנה וואס ער האט מיר געגעבן האט מיך ממש מחיה געווען, בפרט ווייל ווען איך האב באקומען דאס געלט, בין איך געווען זיכער אז עס איז בלויז א הלוואה...

### א הלוואה אן אפילו בעטן

אן ענליכע מעשה האט פאסירט מיט ר׳ חיים, אן איינוואוינער פון אמעריקע. ער האט דאס דערציילט פאר אונזער עלטערן שוואגער, הרה״ח ר׳ משה יוסף רוזנר:

איין טאג האב איך געטראפן דיין שווער אין דער דיאמאנטן־בורסה. ער האט גלייך באמערקט אז איך זע אויס זייער צובראכן.

״וואס איז געשען?״ האט ער מיך געפרעגט.

האב איך אים דערציילט:

״א איד האט מיר געגעבן דריי טויזנט דאלאר זיי איבערצופירן פון אמעריקע קיין ארץ ישראל. דאס געלט איז מיר פארלוירן געגאנגען, און זינט דאן האב איך נישט קיין מנוחה״.

״זארג זיך נישט״, האט ער מיך בארואיגט. ״צום סוף וועט מען טרעפן דאס פארלוירענע געלט״.

ווען איך בין צוריקגעקומען צו מיין אכסניא, האב איך צו מיין גרויסער איבעררראשונג געטראפן אן ענוועלאפ, און דערין... דריי טויזנט דאלאר!

אויפן ענוועלאפ איז געשטאנען:

״הלוואה ביז מען וועט טרעפן דאס געלט״...

### צדקה ביים מנחם אבל זיין

איינער פון די בני המשפחה האט דערציילט פאר אונזער עלטערן שוואגער, הרה״ח ר׳ משה יוסף רוזנר:

# איש חסד היה

אין א שטוב אין שכונת נוה אחיעזר האט געהערשט א שווערע טרויעריגע שטימונג. די בני המשפחה זענען געזעסן שבעה נאך א יונג קינד פון דער משפחה, וואס איז נפטר געווארן נאך א שווערע מחלה.

ר׳ שמואל האט געוואוסט אז דער טאטע האט אסאך מאל נישט געקענט גיין צו דער ארבעט אין דער צייט פון דער מחלה, און אז די הוצאות זענען געווען גרויס.

ווען ר׳ שמואל איז געקומען מנחם אבל זיין, האט ער זיך געווענדן צום טאטן:

״איך וויל רעדן מיט דיר ביחידות״.

זיי זענען אריין אין א זייטיגן צימער. נאכן שמועס איז דער טאטע צוריקגעקומען צו די אבלים, און מען האט שוין געקענט זען אויף זיין פנים אז א גרויסע דאגה איז אראפ פון אים.

שפעטער האט דער טאטע דערציילט וואס ר׳ שמואל האט אים דארט געזאגט.

מיט גרויס געפיל האט ר׳ שמואל אים געזאגט:

״אוודאי זענט איר אריינגעפאלן אין חובות פון אלע הוצאות. איך האב דיר געברענגט פיר טויזנט דאלאר צו דעקן די הוצאות!״

אין יענע צייטן איז דאס געווען א געוואלדיגער סכום.

דער טאטע האט אבער נישט געוואלט נעמען און געזאגט:

״איך וויל נישט דארפן אנקומען צו מתנת בשר ודם״.

״ניין״, האט ר׳ שמואל אים געזאגט, ״דאס איז נישט קיין צדקה. איך געב דיר דאס געלט אלס הלוואה. ווען דו וועסט קענען צוריקצאלן, וועסטו צוריקצאלן. און אויב חלילה נישט, בין איך מוחל און מוותר אויפן גאנצן חוב מיטן גאנצן הארץ״.

אין איין מינוט איז א שווערער לאסט אראפ פון זיין הארץ. די חובות וואס האבן אים אזוי געדריקט, האבן אים מער נישט געליגן אויפן קאפ.

◆

אזוי האט ר׳ שמואל מקיים געווען למעשה די געוואלדיגע ווערטער פונעם רמב״ם:

״מערימין עליו ונותנין לו לשם הלוואה״.

אמאל האט מען געדארפט פארהוילן די נתינה אויף אן אנדערן אופן, ווי מיר וועלן זען אינעם קומענדיגן פרק.